- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד

**קוק אויפן גרויסע בילד**

יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

פרשת שמות תשפ"ב לפ"ק

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י
ידידינו היקר שביקרים
מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

# הרוצה בעילום שמו

לע"נ

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
ולע"נ מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א
יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה
והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני
אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר
כל ימי חייו

שיחה בענין

# 'עבודה ממושכת' של ימי הבחרות

ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בישיבת אלכסנדר - ב' וישב תשפ"ב לפ"ק

## באטראכט זיך נישט לויטן יעצטיגע מצב, קוק אויפן גרויסע בילד

### אלמלא סיועא דקודשא בריך היא, לא יכלין אינון ינוקי למסבל

עס שטייט אין נביא (ישעיהו נד, יג) **וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה' וְרַב שְׁלוֹם בָּנָיִךְ.** שטייט אויף דעם אין זוהר הקדוש (פרשת תרומה דף קס"ט ע"ב) וזה לשונו, **וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה'. וְכִי כָּל בְּנִין דְּאִינוּן דְּיִשְׂרָאֵל, כֻּלְּהוּ אוֹלִיף לוֹן הקב"ה אוֹרַיְיתָא? אִין! דְּהָא בְּשַׁעֲתָא דְּאִינוּן יַנּוּקֵי לָעָאן בְּאוֹרַיְיתָא, שְׁכִינְתָּא אַתְיָא וְיָהִיב לוֹן חֵילָא וְתֻקְפָּא לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא, דְּאִלְמָלֵא סִיוּעָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, לָא יַכְלִין אִינוּן יַנּוּקֵי לְמִסְבַּל.**

עס שטייט אין פסוק וכל בניך למודי ה', טייטשט דער זוהר הק' פשט אז דער אויבערשטער לערנט תורה מיט קינדער פון כלל ישראל, (עס איז ידוע אין חז"לא אז מען ווערט אנגערופן א 'תינוק' ביז די צוואנציג, וואס ביז דעמאלטס איז די תורה וואס מען לערנט ריין און לויטער).

פרעגט דער זוהר הקדוש צו דען לערנט דער אויבערשטער אליינס תורה מיט יעדע קינד אין כלל ישראל? ענטפערט דער זוהר הקדוש

---

**א.** עיין מש"כ בזה הגה"ק רבי זרח איידליץ זצ"ל בדרשתו החמישית בספרו הגדול 'אור לישרים'.

**יא! בשעת א קינד לערנט תורה שטייט דער אויבערשטער צוזאמען מיט אים און געבט אים כח צו לערנען תורה, ווייל אויב וואלט דער אויבערשטער נישט געגעבן כח וואלט דאס קינד נישט געקענט דערהייבן די עול התורה!**

לכאורה דארף מען פארשטיין די ווערטער וואס דער זוהר לייגט צו אז 'אויב וואלט דער אויבערשטער נישט געהאלפן צו לערנען וואלט א קינד נישט געקענט אויסהאלטן און אליין לערנען תורה', פארוואס דארף מען צוקומען צו א באזונדערע הילף פונעם אויבערשטער ווען עס קומט צי לימוד בתורה, אז אפילו איינער וואס האט א גוטע קאפ און פארשטייט גמרא, רש"י און תוספות וכו', וואלט ער דאס נישט געקענט אליינס דערגרייכן, נאר אויב דער אויבערשטער העלפט אים צו. פארוואס וואלט עס נישט געגאנגען? פארוואס איז דאס אזוי קאמפליצירט, אז מ'מוז צו דעם צוקומען צו א סיוע פונעם אייבירשטען?

## חילוק צווישן 'עבודה לרגע' און 'עבודה למשך זמן'

אין עבודת ה' איז פארהאן צוויי סארט עבודות, ס'איז פארהאן א **'עבודה לרגע'**, דאס הייסט די עבודה איז בלויז אין די צייט וואס מען טוט דאס, אזוי ווי מיר געפונען ביי אסאך מצות וואס זענען 'עבודה לרגע', לדוגמה, הדלקת נר חנוכה און נטילת לולב וכדומה, וואס די עבודה פון די סארט מצות איז בלויז אין די רגע און זמן וואס מען איז מקיים די מצוה.

אזוי אויך זעט מען אין חז"ל לגבי סור מרע (עבודה זרה י: ועוד הרבה) **יש קונה עולמו בשעה אחת**, ס'איז דא אמאל וואס מען קען קונה זיין עולם הבא אין איין מינוט. אזוי ווי עס איז געווען ביי יוסף הצדיק ווען ער איז בייגעשטאנען די נסיון מיט אשת פוטיפר, וואס דאס איז בלויז געווען אין איין רגע, און מיט דעם וואס ער איז אין יענע רגע בייגעשטאנען די נסיון, האט ער דורכדעם זוכה געווען צו ווערן אנגערופן **צדיק יסוד עולם** (זוהר הק' ועוד).

און אזוי אויך איז געווען ביי **מתן תורה**, ווען כלל ישראל האט מקבל

געווען די תורה, וואס דאס אלעס איז געשעהן אין די רגע וואס דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל, און זיי האבן אויפן ארט מקבל געווען די גאנצע תורה.

נאכדעם איז פארהאן א '**עבודה למשך זמן**' וואס דאס איז עבודה פון ארבעט און הארעוואניע וואס נעמט אסאך צייט. לדוגמה, ווען עס קומט צו קונה זיין תורה, קען דאס נישט פאסירן אין איין רגע, און עס איז א לאנגע און שווערע מלחמה, און אן די עבודה פון תורה קען מען נישט אנקומען אין ערגעץ.

## יוסף הצדיק לערנט תורה פון יעקב אבינו און ווערט פארטריבן קיין מצרים

די עבודה פון קונה זיין תורה איז נישט א זאך וואס פאסירט אין א רגע, דער באשעפער האט דאס אויסגעשטעלט אז מען דארף הארעווען און אריינלייגן אסאך כוחות דאס צו קענען דערגרייכן, און עס וועט ארויפקומען פארשידענע שטרויכלונגן וואס מען וועט דארפן אריבערגיין כדי דאס צו קענען דערגרייכן.

**"די עבודה פון קונה זיין תורה איז נישט א זאך וואס פאסירט אין א רגע, דער באשעפער האט דאס אויסגעשטעלט אז מען דארף הארעווען און אריינלייגן אסאך כוחות דאס צו קענען דערגרייכן, און מען וועט דארפן אריבערגיין פארשידענע שוועריקייטן דאס צו קענען דערגרייכן"**

אזוי ווי מיר געפונען אין די תורה ביי יוסף הצדיק וואס איז געווען איז געזיצן ביי זיין טאטע יעקב און געלערנט תורה וואס יעקב אבינו האט מקבל געווען פון ביהמ"ד ד'שם ועבר', און ער איז געשטיגן און געבליעט אין תורה ועבודה און עס האט אים גארנישט געפעלט.

אבער מה עשה הקב"ה, דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז יוסף איז פארקויפט געווארן פאר א קנעכט און אראפגעגאנגען קיין מצרים, וואס דאס האט צוגעברענגט אז כלל ישראל זאל אראפגיין קיין מצרים, און דער אויבערשטער האט זיי נאכדעם

ארויסגענומען פון מצרים, וואס האט צוגעברענגט אז כלל ישראל זאל שפעטער אנקומען צו הר סיני און מקבל זיין די תורה.

עס איז נישט געווען גענוג אז יוסף זאל בלויז זיצן אין לערנען ביי זיין טאטע אינדערהיים און אזוי מקבל זיין די תורה, עס פארלאנגט זיך א באזונדערע עבודה און הארעוואניע, און נאר אזוי קען מען מקבל זיין די תורה.

ב"ה היינט האט מען נישט אזעלכע נסיונות, און כדי צו קענען לערנען און מקבל זיין די תורה דארף מען נישט אראפגיין קיין מצרים, אבער די הארעוואניע דארף ווייטער זיין, יעדער איינער לויט זיין פארנעם האט זיך זיינע נסיונות אזוי ווי יוסף הצדיק, און ער דארף אריינלייגן כוחות כדי צו קענען אנגעקומען צו קונה זיין תורה.

טראץ וואס א בחור ווייסט אז ער דארף לערנען, ער ווייסט אז ער דארף זיין אפגעהיטן בקדושה וטהרה, מיט דעם אלעם שטעלט דאס נישט אפ זיינע נסיונות, און יעדער איינער גייט אריבער נסיונות און שוועריקייטן, וואס ער מוז אדורכברעכן.

און די ארבעט וואס מען לייגט אריין איז א שטענדיגע שווערע מלחמה. ווען מען טראכט אביסל אריין מיט א דרויסנדיגע בליק ווי אזוי די בחורים אין ישיבה זיצן און לערנען, און מען וואלט זיך פארגעשטעלט ווי אזוי עס וואלט אויסגעזען אויב מען זעצט אריין א יונגע גוי אין א בנין, מען הייסט אים דארט זיצן א גאנצע טאג, און מען געבט אים א ביכל צו שטודירן, ער וואלט זיכער משוגע געווארן און עס וואלט נישט מעגליך געווען דאס צו באווייזן.

אנדערש איז אבער ווען עס קומט צו די בחורי קודש, ווען מען זיצט און מען לערנט, עס קומט צו די הילף וואס דער אויבערשטער געבט און העלפט ארויס אידישע קינדער מען זאל האבן די כוחות דאס צו באווייזן, און מען זאל קענען נעמען אויף זיך און סובל זיין די עול התורה, וואס דאס מיינט כח צו דורכגיין נסיונות, פארשידענע שוועריקייטן, און דער אויבערשטער געבט די כח מען זאל קענען זיצן

לערנען און קענען פארשטיין לערנען, און קענען אנקומען און זיך קענען באהערשן און זיך מתגבר זיין אויף אלע זאכן וואס שטערן לערנען.

## יסוד פון הצלחה איז צו קוקן אויפן גרויסע בילד

די וועג ווי אזוי מען קען זיך האלטן און שטארקן דורכאויס די לאנגע עבודה פון 'עבודה למשך זמן', קען מען מסביר זיין אזוי ווי מען זעט להבדיל אין די ביזנעס וועלט, ווען מען וויל פארקויפן שותפות אין א קאמפעני (ווי למשל סטאק"ס וכדו') און מען וועל אפשאצן די קאמפעני וויפיל עס איז ווערד, וועט מען אפשאצן וויפיל געלט די קאמפעני האט פארדינט ביז היינט, און מען וועט אויך שאצן וויפיל די קאמפעני וועט זיך קענען אויסשפרייטן און פארדינען די קומענדיגע פאר יאר, און לויט דעם וועט מען שאצן וויפיל די ווערד פון די קאמפעני איז, דאס הייסט אז די היינטיגע ווערד פון די קאמפעני ווערט געשאצט לויט וויפיל געלט עס גייט פארדינען די קומענדיגע יארן.

**"ווי אזוי קען זיין אזא זאך? למעשה איז די קאמפעני נאר ווערד היינט צוטאג'ס פינעף מיליאן דאלער, ווי אזוי קען מען זאגן אז עס איז ווערד צוואנציג מיליאן? ווי אזוי קען מען אפשאצן די ווערד לויט וויפיל געלט די קאמפעני 'וועט' מאכן?"**

מען וואלט געקענט טענה'ן, ווי אזוי קען זיין אזא זאך? למעשה איז די קאמפעני ווערד היינט צוטאג'ס נאר פינעף מיליאן דאלער, ווי אזוי קען מען זאגן אז עס איז ווערד צוואנציג מיליאן? ווי אזוי קען מען אפשאצן די ווערד לויט וויפיל געלט די קאמפעני 'וועט' מאכן?

נאר דער ענטפער איז, מען שאצט דאס אפ מיט א גרויסע בילד, מען קוקט נישט נאר וואס ס'איז יעצט אויפן מינוט, נאר מען נעמט אריין אלעס – אריינגערעכנט שפעטערדיגע רווחים - אינעם חשבון, און אזוי שאצט מען עס אפ.

די זעלבע זאך ווען עס קומט צו א בחור אין זיין וועלט פון שטייגן אין תורה און אין עבודת ה', ווען א בחור וואלט זיך אפגעשאצט נאר

לויט זיין היינטיגע און יעצטיגע מצב, וויפיל בלעטער גמרא ער קען און וויפיל ידיעות התורה ער פארמאגט יעצט, און ווי גרויס זיינע כוחות זענען יעצט, און וויפיל ארבעט און הארעוואניע ער לייגט יעצט אריין צו פארשטיין א בלאט גמרא וכדומה, וואלט טאקע נישט אויסגעזען אז לויט די חשבון וואס ער לערנט יעצט, און וויפיל ער לייגט אריין, וועט ער קענען אנקומען זייער ווייט און אויסשטייגן און קענען גאנץ ש"ס און ד' חלקי שו"ע וכו'.

אבער א מענטש פארמאגט אין זיך צוויי חלקים, א 'מח' מיט א 'לב', די הארץ איז די גשמיות'דיגער חלק פון א מענטש וואס לעבט מיטן יעצטיגע מצב, און דאס ברענגט אים צו די מחשבות אז ער זאל זיך אפשאצן לויט זיין יעצטיגע מצב, אז ער וועט נישט קענען אנקומען צופיל.

אבער די 'מח' וואס איז די רוחניות'דיגער חלק פון דער מענטש איז דער מקום משכן הנשמה, און די נשמה פון יעדע איד איז געווען ביי מתן תורה און געהערט פון דער אויבערשטער כל התורה כולה, און די נשמה האט די כח צו אריין צונעמען כל התורה כולה, און עס פארמאגט אין זיך מורא'דיגע שטארקע כוחות אסאך מער וויפיל מען מיינט.

פרעפעסארן וועלכע האט שטודירט די מח פון א מענטש האבן געזען אז א דורכשניטליכער מענטש וואס נוצט זיין קאפ און שטודירט וכו', נוצט נישט מער פון 7% פראצענט פון די מח.

אפילו דער גרויסער פראפעסער איינשטיין וועלכע איז באקאנט אין דער וועלט פאר דער וואס האט ערפינדן דעם אטאם און נאך גרויסע ערפינדונגן, און האט געהארעוועט אויף די זאכן און חשבונות חדשים אויף חדשים בלי הרף, האט אויך נאר גענוצט בלויז 12% פון זיין מח, און דאס הייסט שוין - ביי די גוים - אז ער האט גענוצט זיין מח אויף די שטערקסטע פארנעם.

דאס הייסט אז די מח פון א מענטש האט די מעגליכקייט טויזנטע מאל מער וויפיל מען מיינט, ווייל יעדע פראצענט מער וואס א מענטש נוצט פון זיין מח לייגט צו לאין ערוך ממש פון זיין פריעדיגע פארשטאנד, עס

איז אזוי ווי מען וואלט צאמגענומען אלע קאמפיוטער'ס פון די גאנצע וועלט, וואלט דאס אלעס געקענט אריין אין די מח פון איין מענטש.

אבער א מענטש שאצט זיך אונטער, און האלט נישט און גלייבט נישט אז ער וועט קענען אנקומען און אויסשטייגן, ווייל זיין גשמיות'דיגער 'לב' שלעפט אים אראפ נאר צו קוקן אויף זיין יעצטיגע מצב, און דאס שטערט א מענטש פון שטייגן ווייטער, און פארדעם דארף ער האבן די הילף פונעם אויבערשטער אז ער זאל קענען אויסשטייגן און האבן כח צו גיין ווייטער, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק'.

און דאס איז א כח וואס ליגט אין די נשמה פון א מענטש, טראץ וואס ער זעט נישט אלע זיינע כוחות יעצט אויפן מינוט, דארף ער דאס באטראכטן מיט א ברייטערע בליק, און דאס איז די כח וואס דער אויבערשטער געבט פאר די קינדער וואס לערנען זיי זאלן קענען דערהערן דעם גאנצן בילד און וואס זיי קענען אויסוואקסען אויב נוצן זיי אויס זייערע כוחות ווי עס דארף צו זיין, און דאס געבט זיי די כח ווייטער אנצוגיין מיט די עבודה רבה און טאקע אויסשטייגן ווי עס באדארף צו זיין.

מען דארף פארשטיין אז די וויכטיגקייט פון זיך אפשאצן און קוקן וואס גייט זיין אין אפאר יאר ארום, איז נישט נאר נוגע פאר אפאר יאר ארום וואס ער וועט דאמאלטס זיין, עס איז שוין היינט נוגע וואס עס גייט דעמאלטס זיין, עס איז שוין היינט ווערד, עס הייסט נישט ווי א 'דבר שלא בא לעולם', וויבאלד עס איז 'עבידי דאתי', די נשמה איז שוין יעצט אין דער מענטש, און עס פארמאגט שוין יעצט די כוחות צו אויסשטייגן און אנצוקומען.

און דאס איז די 'סיוע' וואס דער אויבערשטער געבט פאר א מענטש ער זאל קענען שטייגן און דערהייבן די עול התורה, דער אויבערשטער קוקט נישט אן דער מענטש לויט זיין יעצטיגע מצב, דער אויבערשטער קוקט אויף דער מענטש ווי אזוי ער וועט אויסזעהן יארן ארום, זען ווי ער וועט דאמאלטס אנקומען, און דער בליק פונעם אייבירשטען דאס געבט כח פאר א מענטש צו אנגיין און ווייטער שטייגן.

## יוסף הצדיק שמאכט אין תפיסה,
## און ווערט אנגערופן איש מצליח

עס איז באקאנט וואס ווערט געברענגט פונעם הייליגן אריז"ל – וואס דאס איז מורא'דיגע יסוד פארן גאנצן לעבן - אז אלע יסורים און שוועריקייטן וואס א מענטש גייט דורך אין זיין לעבן זענען דא אים צו שטארקן, אים צו דערהייבן צו העכערע מדריגות בעבדות ה', צו אויסלייטערן זיינע מידות וכו' וכו', און אויב דער מענטש האט נאר די שכל איז ווען ער טרעפט זיך אן מיט שוועריקייטן קוקט ער עס אן ווי א הזדמנות זיך צו קענען דערהייבן דורכדעם [נישט אז א מענטש זאל בעטן פאר שוועריקייטן...... אבער קיינער דרייט זיך סייווי נישט ארויס].

די זעלבע זאך דארף מען פארשטיין ווען עס קומט צו די עבודה רבה פון דורכברעכן די שוועריקייטן וואס זענען מנת חלקו פון יעדער איינער בשעת ווען מען ארבעט צו לערנען און שטייגן אין תורה, מען דארף וויסן און פארשטיין ווי אזוי מען דארף דאס אנקוקן, ס'איז נישט אז מען ארבעט כדי אנצוקומען יארן שפעטער צו א הצלחה, נאר די התגברות אויף די שוועריקייטן אליינס איז די הצלחה שוין יעצט, עס הייבט די מענטש, ברייטערט אויס זיינע השגות און ברענגט אים נענטער צום אייבירשטען און צו הצלחה בלימוד והבנת התורה, אזוי ווי מיר געפונען ביי יוסף הצדיק נאכדעם וואס ער איז געזיצן און געלערנט ביי זיין טאטע, און איז געווען זיין באליבטע בן זקונים, האט מען אים אזוי ברוטאל פארקויפט - און נאך דורך זיינע אייגענע ברודער - אזוי ווי א שווארצע קנעכט אויף די נידריגסטע וועג וואס איז שייך.

נאכדעם - שוין זייענדיג אין מצרים - האט זיך אשת פוטיפר אנגעטשעפט אין אים, און מען האט אים אריינגעווארפן אין תפיסה, און דארט אין תפיסה האט ער פותר חלום געווען פארן שר המשקים און אים געבעטן אז ווען ער גייט ארויס פון תפיסה זאל ער אים דערמאנען פאר פרעה, און בלויז פאר די חטא אליינ'ס איז ער געבליבן נאך צוויי יאר אין תפיסה.

די מצב זעט אויס די שווערסטע וואס איז שייך, עס זעט אויס ווי יוסף הצדיק געפונט זיך אין די שווערסטע און נידריגסטע צושטאנד וואס איז נאר שייך. אבער אינמיטן איז דא אפאר פסוקים אין די תורה וואס מען דארף מסביר זיין.

די תורה זאגט (בראשית לט, ב - ג) **וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וגו' וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ.** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האט שוין יוסף געהאט אז די תורה זאל אים אנרופן 'איש מצליח'? וואס איז אים געגאנגען גוט דארט אז ער ווערן אנגערופן א 'מוצלח'? וואס האט ער געהאט דארט?

נאר די תורה ברענגט ארויס די נקודה, אז דער אויבערשטער האט אים ארויסגעהאלפן דורכאויס די גאנצע צייט וואס יוסף הצדיק האט געהארעוועט און זיך מתגבר געווען אויף זיינע נסיונות און אנגעגאנגען מיט א שטארקייט, און אים נישט אנגעקוקט בלויז אויף זיין יעצטיגע מצב, נאר אויף די גרויסע בילד.

**"ווי אזוי קען זיין אזא זאך? למעשה איז די קאמפעני נאר ווערד היינט צוטאג'ס פינעף מיליאן דאלער, ווי אזוי קען מען זאגן אז עס איז ווערד צוואנציג מיליאן? ווי אזוי קען מען אפשאצן די ווערד לויט וויפיל געלט די קאמפעני 'וועט' מאכן?"**

דער אויבערשטער זאגט פאר יוסף, יא! דו ביזט א איש מצליח! אפילו דו זעסט עס נישט און אפילו דו שפירסט עס נישט! אבער דו שטייגסט און דו ביזט מצליח שוין יעצט! אזוי ווי עס האט זיך טאקע שפעטער ארויסגעשטעלט.

אזוי אויך טרעפט מען ביי דער גרויסע תנא רבי שמעון בר יוחאי ווען ער האט זיך באהאלטן דרייצן יאר אין א מערה צוזאמען מיט זיין זון רבי אלעזר, נאכדעם וואס ער איז געזיצן אין ביהמ"ד צוזאמען מיט די גרויסע תנאים און געהארעוועט אין לערנען מיט די חבריא קדישא, האט ער זיך געמוזט באהאלטן איינער אליינס צוזאמען מיט זיין זון, אוועק פון די גאנצע

וועלט, אוועק פון זיינע חברים און אוועק פון ביהמ"ד, ער האט נישט געהאט קיין אהנונג וואס טוט זיך אויף די וועלט.

לכאורה ווי אזוי האט ער דאס אריבערגעטראגן? נישט נאר דאס, דוקא פון די דרייצן יאר האט ער זוכה געווען און אויסגעוואקסן א 'רבי שמעון בר יוחאי'!

דער פשט דערפון איז, ס'איז נישטא קיין אנדערע און שנעלע וועג ווי אזוי צו אויסוואקסן, רבי שמעון בר יוחאי האט געוואוסט אז אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז מיט א חשבון, און יעדע זאך איז פונקטליך אויסגערעכנט, און דאס מוז ער יעצט דורכגיין כדי זיך צו דערהייבן, ארויסצוברעגן זיינע פנימית'דיגע כוחות און קענען אויסוואקסן, אפילו יעצט זעט עס נישט אויס אזוי, אבער מען קוקט זיך נישט אויפן יעצטיגע מצב, מען פארשטייט אז עס איז דא א גרעסערע בילד ווי אזוי מען דארף באטראכטן יעדע זאך.

## באטראכט זיך נישט לויט די יעצטיגע מצב

די חורבן ווערט ווען אינמיטן די גאנצע ארבעט, אינמיטן די שווערע הארעוואניע וואס מען דארף אריינלייגן צו קענען קונה זיין תורה, פאנגט אן א בחור צו טראכטן וואו שטיי איך אויפן וועלט, איך זע נישט אז איך וועל בכלל עפעס אויסוואקסן, מיינע כוחות זענען נישט מורא'דיג, מיין הארעוואניע איז נישט די בעסטע וכו'.

דאס קומט פון דעם וואס מען קוקט זיך אן מיט די יעצטיגע מצב וואס מען געפונט זיך און מען טראכט נישט אויף די גרויסע בילד, און דאס קען צוברעכן א בחור און אים אפהאלטן פון שטייגן ווייטער.

עס שטייט אין גמרא (כתובות סב: - סג.) דער הייליגער תנא רבי עקיבא איז געווען א פשוט'ע פאסטוכער, און - רחל - די טאכטער פונעם גרויסן עושר כלבא שבוע האט געזען אין רבי עקיבא באהאלטענע כוחות, און איז צוגעקומען צו אים און געפרעגט רבי עקיבא, 'אויב וועל איך חתונה האבן מיט דיך, וועסטו אנפאנגן צו לערנען?' און רבי עקיבא האט צוגעשטימט און זיי האבן חתונה געהאט.

ווען איר טאטע - כלבא שבוע - האט דאס געהערט, האט אים דאס זייער געשטערט, זיין טאכטער וואלט דאך געקענט חתונה האבן מיט די בעסטע בחור אין ישיבה, און דא איז זי געגאנגען און חתונה געהאט מיט א פשוט'ע פאסטוכער, א עם הארץ, און האט 'מדיר הנאה' געווען אלע זיינע נכסים פון זיין טאכטער זי זאל נישט קענען הנאה האבן דערפון.

יארן שפעטער האט כלבא שבוע חרטה געהאט אויף זיין נדר, נאכדעם וואס זיין טאכטער האט נישט געהאט קיין ברויט אין שטוב און איז כמעט אויסגעגאנגען פון הונגער, און ער האט איר גארנישט געקענט געבן צוליב זיין נדר, און האט געוואלט מתיר נדר זיין. ווען ער האט געהערט אז א גרויסער גדול בישראל קומט אין שטאט איז ער געגאנגען צו אים פרעגן צו ער קען אים מתיר נדר זיין.

האט דער גדול געפרעגט אויב וואלסטו געוואוסט אז ער וועט אויסוואקסן א תלמיד חכם וואלסטו געמאכט דער נדר, האט כלבא שבוע געענטפערט, זיכער אז נישט! אפילו אויב איך וואלט געהאלטן אז ער וועט נאר קענען איין הלכה אדער פרק וואלט איך נישט געמאכט דער נדר. האט ער געענטפערט, דאס בין איך - רבי עקיבא - און האט אים מתיר געווען דער נדר.

תוספות דארט אויפן ארט פרעגט (ד"ה אדעתא), **והלא אסור לפתוח בנולד?** מען קען נישט מתיר נדר זיין אויף א זאך וואס איז נאך נישט געווען פארהאן בשעת מען האט געמאכט דער נדר, און בשעת כלבא שבוע האט געמאכט די נדר איז רבי עקיבא נאכנישט געווען א תלמיד חכם און האט נאכנישט געקענט לערנען בכלל.

ענטפערט תוספות, **ויש לומר דהכא לא חשיב נולד כיון שהלך לבי רב, דדרך הוא בהולך ללמוד שנעשה אדם גדול.** עס הייסט נישט אז עס נאכנישט פארהאן, ווייל רבי עקיבא איז געגאנגען לערנען, און דער דרך איז אז ווער עס גייט לערנען וואקסט אויס א אדם גדול.

לכאורה דארף מען פארשטיין, לויט די ווערטער פון תוספות אז יעדער איינער וואס גייט לערנען וואקסט אויס א גדול, וואו זענען אלע גדולים? וואו זענען די אלע גדולים וואס וואקסן אויס ווען מען גייט לערנען?

דער תירוץ איז זייער פשוט, ווען א ראש ישיבה גייט צו א בחור און זאגט אים: 'איך זע אז דו קענסט זייער שטארק שטייגן, און דו קענסט אויסוואקסן א גדול הדור', און וויל אים מחזק זיין ער זאל לערנען.

וועט דער בחור זאגן: ראש ישיבה, זייער שיין... א דאנק פאר דיין חיזוק... אבער דו אליינס גלייבסט אויך נישט אין דעם...

אבער וואס וועט זיין, ווען א ראש ישיבה קומט צו א בחור און זאגט אים: 'איך זע דו קענסט אויסוואקסן א גרויסער תלמיד חכם, און איך בין גרייט אראפצולייגן צען טויזנט דאללער פאר דעם...'

דעמאלטס וועט דער בחור כאפן, אה... דער ראש ישיבה גלייבט אמת'דיג אין מיר, ער האלט באמת איך קען אויסוואקסן, דעמאלטס פאנגט ער אן צו טראכטן אפשר האב איך טאקע א שטארקע עתיד, און ער פאנגט אן ארייננצולייגן אלע זיינע כוחות ער זאל קענען אויסשטייגן.

**"לויט די ווערטער פון תוספות אז יעדער איינער וואס גייט לערנען וואקסט אויס א גדול בתורה, וואו זענען אלע גדולים? וואו זענען די אלע גדולים וואס וואקסן אויס ווען מען גייט לערנען?**

דאס זעלבע האט פאסירט ווען רחל - די טאכטער פונעם גרויסן עושר כלבא שבוע - איז צוגעגאנגען צו דער פאסטוך עקיבא, און אים געזאגט, איך זע אויף דיר דו קענסט אויסוואקסן א תלמיד חכם, עד כדי כך אז איך בין גרייט צו חתונה האבן מיט דיר!

ווען עס גייט צו מיט אזא וועג, וועט מען טאקע אויסוואקסן א רבי עקיבא, מען וועט טאקע אנפאנגן צו גלייבן אין זיך אז מען האט די ריכטיגע כוחות אויס צו וואקסן, און עס איז הייסט נישט קיין 'נולד', עס איז א זאך וואס איז שוין יעצט דא מיט זיכערקייט.

דאס איז די יסוד הצלחה פון א מענטש וואס וויל מצליח זיין אין לערנען, מען דארף טראכטן אויף די עתיד, מען דארף טראכטן וויפיל וועט מען קענען אנקומען במשך די קומענדיגע יארן. אזוי ווי מען האט שוין פריער דערמאנט ביי יוסף הצדיק נאך ווען ער איז געווען אין גרוב אין תפיסה אין מצרים, רופט אים שוין אן די תורה 'איש מצליח', ער הייסט שוין יעצט א מוצלח, ווייל דער אויבערשטער האט זיך זיינע חשבונות וואס יעדער מענטש דארף אריבערגיין, און קוקט אויפ'ן גרויסען בילד.

אפילו אויב מען זאל נאר מאכן א פשוט'ע מאטעמאטישע חשבון, וויפיל א בחור לערנט דורכאויס די יארן אין ישיבה, ווען ער וואלט נאר געדענקט דאס וואס ער לערנט, די הונדערטער בלעטער גמרא, די אלע ראשונים און אחרונים, שו"ע און פוסקים, וואס דורכאויס די יארן זאמלט זיך דאס איין פאר א ים פון תורה.

**"דאס איז די יסוד הצלחה פון א מענטש וואס וויל מצליח זיין אין לערנען, מען דארף טראכטן אויף די עתיד, מען דארף טראכטן אויפן גרויסע בילד, וויפיל מען וועט אנקומען אין די קומענדיגע יארן.**

דאס אלעס איז אויסער די ברכה וואס קומט אריין אין די לערנען אלץ מער וואס מען לערנט, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל 'תורתן מתברכת' די תורה וועט געבענטשט און מען אנקומען אסאך מער ווי מען מיינט. און ממילא קען א בחור נישט רעכענען ווי לאנג נעמט מיר היינט אנצוקומען צו פארשטיין א בלאט גמרא, א תוס', א סעיף אין שו"ע, וויפיל מאל דארף איך היינט חזר'ן צו געדענקן, און מיט דעם מאכן א חשבון אויף זיינע קומענדיגע יארן, ווייל די מציאות איז לגמרי נישט אזוי און ווי מער מ'הארעוועט אין תורה און מ'ברעכט דורך די שוועריקייטן אלץ שנעלער און שטערקער ווערט די תפיסה פונעם מענטש, אלץ גרעסער ווערט זיין הבנה און אלץ מער געדענקט ער די תורה ווי עס שטייט 'תורתן משתמרת'.

ווען מען שאצט עס אפ אויף די וועג, און מען פאנגט אן אזוי צו לעבן, באקומט מען א נייע בילד, און מען פאנגט אן זיך אפצושאצן אינגאנצן אויף א אנדערע וועג, אבער אויב קוקט מען נאר וויפיל מען האט יעצט און ווי מען האלט אינעם יעצטיגן מצב און כשרון, שטערט דאס צום וואקסן.

דאס איז די עבודה פון צוטיילן די מח מיט די לב, די 'לב' וואס איז גשמיות קוקט נאר אויף וואס איז יעצט, און חשבונ'ט אלעס לויט די יעצטיגע מצב, אבער די 'מח' וואס איז רוחניות קען דאס אנקוקן מיט פיל א גרעסערע בילד, און זען אסאך מער.

## דער אויבערשטער קוקט נישט אויף די יעצטיגע מצב

און דאס איז ווי אזוי דער אויבערשטער קוקט אן א מענטש, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה, ווען די אידן זענען געווען פארשקלאפט און אונטערטעניגט אין מצרים און האבן נישט געהאט קיין כח צו טראכטן פון גארנישט, האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו ער זאל זאגן פאר כלל ישראל (שמות ג, יב) **בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה**, מען גייט ארויסגיין פון מצרים און מען גייט מקבל זיין די תורה ביי בארג סיני.

וועט איינער פרעגן, די אידן זענען ווייט פון אזא מצב פון מקבל זיין תורה, זיי זענען אזוי ווייט פון די מדריגה, און ווי מ'זעט טאקע טאפט משה רבינו א וואנט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות ו, ט) **וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה**, איז פארוואס רעדט יעצט די אויבערשטער צו משה וועגן די זאכן. נאר וואס דען דער אויבערשטער קוקט אן יעדע זאך מיט א גרויסע בילד, און נישט ווי אזוי די מצב איז יעצט.

און נישט ציפול שפעטער זעהט מען טאקע אז דער אויבערשטער הייסט משה רבינו גיין צו כלל ישראל און זיי זאגן וועגן קרבן פסח, א מעמד הר סיני, און דעמאלטס האבן זיי פארשטאנען וואס דער אויבערשטער

וויל, און זיי האבן אנגעהויבן צו גלייבן אין דער אויבערשטער, און זיי האבן זיך צוגעגרייט און מקריב געווען די קרבן פסח, און אפאר וואכן שפעטער זענען זיי שוין געשטאנען גרייט ביי מעמד הר סיני.

די זעלבע זאך טרעפט מען אין נביא (ירמיהו לא, יד) ווען די אידן זענען פארטריבן געווארן פון ירושלים, זענען זיי אריבער געגאנגען די קבר פון רחל אמנו, און **'רחל מבכה על בניה'**, די מאמע רחל וויינט אויף אירע קינדער, אז דער אויבערשטער זאל מוותר זיין אויף אירע קינדער און רחמנות האבן אויף זיי, בזכות דעם וואס זי האט מוותר געווען פאר איר שוועסטער לאה און איר איבערגעגעבן די סימנים, און ביז יעצט איז זי נאכנישט געווארן באצאלט דערפאר, אדרבה זי האט געווארט פאר קינדער, און איז גלייך דערנאך נפטר געווארן.

האט איר דער אויבערשטער געענטפערט, **'ושבו בנים לגבולם'** איך נעם דיין בקשה און דיינע קינדער וועלן ווערן אויסגעלייזט פון גלות, און זיי וועלן זיך צוריק קערן קיין ארץ ישראל.

שטעלט זיך די באקאנטע קשיא, זינט דער ערשטע בית המקדש איז שוין אריבער צוויי און א האלב טויזנט יאר! וואו איז די הבטחה וואס דער אויבערשטער האט איר צוגעזאגט פון 'ושבו בנים לגבולם'? אונז זענען נאך ביז היינט אין גלות!

נאר וואס דען, דער אויבערשטער קוקט נישט בלויז אויפן יעצטיגע מצב, דער אויבערשטער קוקט אלעס מיט א גרויסע בילד און פירט זיך לויט דעם, ס'איז טאקע ריכטיג אז שפעטער ווען מען גייט ווערן אויסגעלייזט פון גלות וועט דאס זיין אין די זכות פון רחל אמנו, אבער ביז דעמאלטס האט דער אויבערשטער א חשבון וואס עס דארף זיין, און וויל אז די אידן זאלן אים דינען אויף די וועלט און טון רצון ה' דייקא אין די מצבים, און דאס ווי אזוי דער אויבערשטער וויל מען זאל זיך פירן, און אלעס איז נאר לטובתינו להטיב לנו באחריתנו און ברענגן די וועלט צו איר גאנצע תיקון.

דאס איז פשט אין די אויבנדערמאנטע זוהר הק', די סיוע וואס דער אויבערשטער העלפט ארויס יעדער איינער צו לערנען איז ווען מען

פאנגט אן צו פארשטיין אז די וועלט באשטייט פון דער אויבערשטער, און עס שטייט אין חז"ל (ברכות ח.) **'אין להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה בלבד'**, דאס הייסט אז דער אויבערשטער האלט אויף די וועלט נאר פאר די תורה, און העלפט ארויס יעדער איינער וואס זיצט און לערנט, און ער העלפט א מענטש זאל קענען אויסשטייגן העכער פון די כוחות וואס ער מיינט יעצט אז ער האט.

דער אויבערשטער פירט די גאנצע וועלט, און אלעס וואס ווערט געטון אויפן וועלט, ווערט געפירט דורך דער אויבערשטער, און סיי וואס עס פאסירט און וואס א מענטש טראכט, זעט אדער טוט, ווערט אלעס געפירט דורך דער אויבערשטער, און עס שטייט פון בעש"ט אפילו ווען א מענטש טוט א עבירה, ווערט דאס אויך געפירט דורך דער אויבערשטער.

די שאלה איז נאר וואס איז די בליק און צוגאנג פון א מענטש. מ'קען דאס צוגלייכן צו א רעגן בויגן, וואס יעדער איינער זעט אין דעם א אנדערע קאליר, דאס זעלבע איז מיט א מענטש ער קען אנקוקן דאס וואס דער אויבערשטער פירט אלעס אויפן וועלט, דאס איז מיט דעם וואס דער אויבערשטער איז דער וואס געבט א מענטש לעבן און געזונט, ער געבט פרנסה און גשמיות וכו'.

פון די אנדערע זייט קען א מענטש דאס אנקוקן, אז דער אויבערשטער פירט די גאנצע וועלט נאר צוליב די תורה, און די עיקר פון די וועלט איז תורה, און דער אויבערשטער קען און וועט אלעס איבערדרייען אז מען זאל באקומען כוחות צו אויסשטייגן, און אויסוואקסן לשם ולתפארת.

און דאס איז אונזער נסיון און ארבעט דאס צו פארשטיין, און איינמאל מען פאנגט אן צו גלייבן אין דעם און מען פארשטייט עס, דעמאלטס פאנגט אן אלעס צו פארן גרינגער, און מען דארף גלייבן אז אלעס גייט ווערן אסאך בעסער, און אז מען קוקט נישט נאר אויף די יעצטיגע מצב, און אזוי איז מען זוכה צו אויסשטייגן מיט סיוע פון דער אויבערשטער.

# קהל חסידי קאסוב

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

בס"ד

**הננו בזה להודיע בשורה משמחת לכל שוחרי תורת החסידות**

הרוצים להתדבק באילנא דחיי תורתו של מרן אור שבעת הבעש"ט הק' זי"ע ותלמידיו הק'

שבעז"ה בימים הקרובים יתחיל

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

שיעור חדש

# הקדמה ללימוד ספרי חסידות

**שיהיה מיוסד להסביר את ההקדמות הנחוצות מאד**
**לידע אותם בבהירות קודם לימוד מעמיק בספרי חסידות**

**השיעור מיוחד למתחילים**
**וימסר באופן קל בהיר ונהיר ע"ד שווה לכל נפש**

להקל על בחורים ואברכים הרוצים ללמוד ולהתעמק בדברי רבותינו הק' מאור הגולה, אבל דא עקא שהיות וחסר להם רק איזה הקדמות נחוצות אינם מבינים את עומק והיופי שבדברי רבוה"ק זי"ע

והשער שהם פתחו לפנינו להתדבק ולהשתשע באור יקרת ה' בעבודתינו היום יומית

**השיעור יתקיים מדי שבוע בשבוע**

**ביום ב' בערב**

**בשעה 9:00**

בהעז"נ של בית מדרשינו

1353-55th Street

**השיעור יתחיל בעז"ה ביום ב' לס' וארא**